אין אידיש

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

ערב שב"ק פרשת
בהר - בחקותי
כ"ח אייר שנת תשפ"ה


בס"ד

# די גרויסע כח פון א 'תשוקה' צו א מצוה, און פון טוהן אפי' נאר א חלק פון א מצוה!!!

**» משה רבינו איז נישט געווען גענוג א גרויסע צדיק, איז די מצוה פון פסח שני, זאל געזאגט ווערן דורך איהם?!**

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (ט, ז) וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים הָהֵמָּה אֵלָיו, אֲנַחְנוּ טְמֵאִים לְנֶפֶשׁ אָדָם, לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִיב אֶת קָרְבַּן ה' בְּמֹעֲדוֹ, בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און **רש"י הק'** איז מעתיק דעם ספרי וואס זאגט "עס וואלט געווען ראוי איז די פרשה זאל געזאגט ווערן דורך משה, אזוי ווי די אנדערע חלקים פון די תורה, נאר זיי האבן זוכה געווען אז עס זאל געזאגט ווערן דורך זיי, ווייל מען איז מגלגל א זכות ע"י זכאי".

**און** מען דארף דאס פארשטיין, ווייל צו דען איז דא נאך א גרעסערע 'זכאי' אזוי ווי משה רבינו אליין, און אויב האט מען פשוט געזוכט עפעס א זכאי, כדי צו מגלגל זיין די זכות פון זאגן די פרשה דורך איהם, וואלט מען גלייך געדארפט 'טרעפן' משה רבינו, דער איש האלקים, און דעם רבן של כל ישראל.

**נאך** דארף מען פארשטיין: עס שטייט אנפאנג פון די פרשה (פסוק א) וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְמִדְבַּר סִינַי, בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית, לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם, בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן לֵאמֹר, און רש"י מערקט דארט אן אויפן פלאץ אז "די פרשה פון אנפאנג פונם ספר (-פרשת במדבר) איז נישט געזאגט געווארן ביז חודש אייר, און פארוואס האט מען נישט אנגעפאנגן מיט דעם, ווייל דאס איז א גנות פון כלל ישראל, אז די גאנצע פערציג יאר וואס זיי זענען געווען אין מדבר האבן זיי נישט מקריב געווען נאר דעם איינציגן קרבן פסח".

**און** אין **תוספות** (יבמות עב. ד"ה משום, וכן תוס' קידושין לז: ד"ה הואיל) **ווערט מבואר** לויט איינע פון די תירוצים, אז די גנות פון דעם איז, דאס וואס די אידן זענען נישט געווען גע'מל'עט, וואס וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון קרבן פסח. און לכאו' דארף מען פארשטיין, אויב איז געווען א סכנה זיך צו מל'ן (-אזוי ווי עס שטייט דארט אין תוס') איז פארוואס ווערט עס פארערכענט אלס א גנות פאר די אידישע קינדער.

**נאך** פרעגט די **רשב"א** (בסוכה דף כה. ד"ה והא מהכא): "פארוואס האבן זיי זיך אפגערעדט און געקומען מיט א גלויי פנים צו משה רבינו טענה'נדיג 'למה נגרע לבלתי הקריב' וכו', צו דען האבן זיי נישט געוואוסט אז א טמא מת טאר נישט מקריב זיין קיין קרבן, און עד כדי כך אז משה רבינו האט אפי' געדארפט אנפרעגן די 'שאלה' פונם באשעפער".

**» א מענטש זאל זעהן עוסק צו זיין אין א מצוה וויפיל ער קען נאר**

**אין** ספר **'דרש משה'** (פון דעם גאון **ר' משה פיינשטיין זצ"ל**) פרעגט ער, אויף דאס וואס רש"י איז מסביר די דין ודברים צווישן די טמאי מתים און משה רבינו, אז משה רבינו האט זיי געזאגט, 'מען טאר דאך נישט מקריב זיין קדשים ווען מען איז טמא', האבן זיי געענטפערט 'זאלן טהור'ע כהנים שפריצן די בלוט אויף אונז, און אונז וועלן עסן די פלייש', און לכאו' איז זייער שווער, ווייל די גמרא זאגט דאך (פסחים סא.), אז א קרבן וואס מען האט מקריב געווען פאר א טמא'נע מענטש איז פסול. און אויב ווען ווילן זאגן אז עס מיינט צו זאגן אז מען זאל עס מקריב זיין פאר טהור'ע און טמא'נע מענטשן צוזאמען, וואס אויף אזא אופן איז די קרבן יא כשר, איז נאך אלץ שווער, ווייל מען ווערט גארנישט אויפטוהן פון אזא קרבן, ווייל די טמא'נע מענטשן קענען נישט יוצא זיין די מצוה פון קרבן פסח מיט אזא קרבן.

**דעריבער** קומט ער צו, צו א געוואלדיגע מסקנה ווי פאלגענד: "מען מוז זאגן א נייע זאך, אז אפילו מען איז נישט יוצא מיט אזא קרבן, מיט דעם אלעם, מצד אהבת המצוות דארף א מענטש זיך עכ"פ משתתף זיין מיט די מצוה וויפיל ער קען נאר, אפילו ער איז נישט יוצא מיט דעם די מצוה, און דאס איז דומה צו דאס וואס משה רבינו האט אפגעשיידט די ערשטע דריי ערי מקלט אין עבר הירדן, כאטשיג ער האט נישט מיט דעם מקיים געווען די מצוה וכו'."

**און** ר' משה איז ממשיך: "און פון דעם דארף מען זיך ארויסלערנען, אז איינער וואס איז איהם שווער מקיים צו זיין עפעס א מצוה, זאל ער כאטש מצד אהבה עוסק זיין אין די מצוה וויפיל עס איז יא שייך, למשל איינער וואס טאר נישט עסן מרור, זאל ער זעהן כאטש טועם צו זיין אביסל, און אזוי ווייטער ביי א יעדע מצוה, למשל איינער וואס טאר נישט זיצן אין סוכה, זאל ער זעהן כאטש צו בויען א סוכה".

"**און** מיר זעען, ווי גרויס איז די אהבה צו די מצוות פון כלל ישראל, פון דעם וואס די באשעפער האט געגעבן די מצוה פון תרומות ומעשרות אויף אזא אופן אז מען וויל קען מען זיך ארויסדרייען פון עס מקיים צו זיין דורך אריינברענגן די תבואה דורכ'ן דאך (ברכות לה, ב), און מיט דעם אלעם, האט זיך די באשעפער פארלאזט אז די אידן וועלן יא מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף צו זיין, עד כדי כך, וואס אויף דעם ארויף האט די באשעפער נישט געגעבן קיין נחלה פאר די שבט לוי".

**» ווער עס קען נישט מאכן א ברכה, זאל כאטש טראכטן 'רבוש"ע איך וואלט זייער געוואלט קענען מאכן א ברכה...'**

**אויף** דעם זעלבן אופן איז די 'דרישה' מסביר די פאלגענדע ווערטער פון רבינו יונה:

**די רבינו יונה** (ברכות ח: ד"ה לא, בדפי הרי"ף) שרייבט - אויף דעם וואס עס שטייט אין די משנה אז א מענשט זאל נישט בענטשן אין הארץ, ווי פאלגענד: "מיין רבי האט געזאגט, אז ווער עס איז מחוייב מיט א ברכה און ער קען עס נישט זאגן, ווייל זיין הענט איז נישט ריין, אדער ער שטייט אין א פלאץ וואס איז נישט ריין, למשל א חולה וואס זיין בעט איז נישט רייין, און ער קען נישט ארויס זאגן מיט זיין ליפן די תפלה, זאל ער טראכטן די ברכה אדער תפלה וואס ער דארף זאגן, און כאטשיג אז ער איז נישט יוצא די חיוב נאר דורכן זאגן מיט די מויל, מיט דעם אלעם זאל ער כאטש עס טראכטן אין הארץ, און "ה' יראה ללבב" (שמואל א טז, ז) און די באשעפער וועט איהם געבן די שכר פון די מחשבה, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (שוח"ט תהלים ה, ב) אויפן פסוק "אמרי האזינה ה'", דוד המלך האט געזאגט, רבוש"ע אין די צייט וואס איך קען רעדן, בעט איך דיר 'אמרי האזינה' - הער צו מיינע רייד, און אין די צייט וואס איך קען נישט רעדן, 'בינה הגיגי' - הער צו מיין מחשבה", ביז דא איז די הייליגע ווערטער פונם רבינו יונה.

**און** די **ב"י** פרעגט אויף דעם (אין או"ח סי' פ"ה), אז מען טאר דאך אויך נישט טראכטן דברים שבקדושה אין מקומות מטונפים, און ער ענטפערט ווי פאלגענד: "קען זיין אז די רבינו יונה רעדט נישט פון אן אופן וואס די הענט אדער די פלאץ איז ממש 'מטונף', נאר עס רעדט זיך אז די הענט און די פלאץ זענען 'נישט ריין', אבער עס איך אויך נישט ממש פארשמירט (-מיט צואה אד"ג), און אויף אזא אופן איז די הלכה, אז ווען ער וואלט נישט געווען קיין אונס וואלט ער געדארפט גיין זיך וואשן די הענט און זאגן די ברכה אדער די תפלה - וואס ער איז מחויב - מיט די מויל, נאר יעצט אז ער איז אן אונס און ער קען עס נישט ריין מאכן, וואס דעריבער קען ער עס נישט ארויסזאגן מיטן מויל, וועגן דעם איז גענוג אז ער זאל טראכטן די ברכה".

**און** די '**דרישה**' פרעגט אויפן בית יוסף, ממנ"פ, אויב ווערט דאס 'נישט ריינקייט' גערעכנט אלס א נישט ריינע פלאץ אז מען טאר נישט זאגן דארט א דבר שבקדושה מיטן מויל, וואלט מען אויף נישט געמעגט דארט טראכטן קיין דבר שבקדושה, און אויב ווערט עס נישט גערעכנט אלס א נישט ריינע פלאץ אזוי ווי א מקום מטונף, פארוואס טאר מען נישט זאגן אויך מיטן מויל.

**דעריבער** פארענטפערט די 'דרישה' די ווערטער פונם רבינו יונה אויף אן אנדערע אופן, ווי פאלגענד: "עס געפעלט מיר צו זאגן, אז די רבינו יונה האט קיינמאל נישט געמיינט צו זאגן אז דער מענטש מעג טראכטן די נוסח הברכה אויף א נישט ריינע פלאץ, ווייל דאס איז אוודאי אסור, נאר ער האט געמיינט צו זאגן אז ער זאל טראכטן אין הארץ, אז ער וואלט זייער שטארק געוואלט און געגלוסט צו מאכן די ברכה אדער צו דאווענען די תפלה, מיטן גאנצן הארץ און נפש אזוי ווי עס דארף צו זיין, נאר ער קען נישט ווייל זיינע הענט זענען נישט ריין, און דעמאלטס איז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, און די פסוק רעכנט עס כאילו ער וואלט עס יא געמאכט, און דאס איז וואס די מדרש זאגט 'בינה הגיגי' פארשטיי די מחשבה אז איך וואלט געוואלט קענען טוהן די מצוה".

**די** '**גור אריה**' (ט, א), איז אויך מסביר די אויבנדערמאנטע תי' פון תוס', אויף א אביסל אן אנדערע אופן, אז אפי' טאקע די אידן זענען געווען אונסים אויף דעם וואס זיי האבן נישט גע'מל'עט זייערע קינדער, מיט דעם אלעם, איז עס א שטיקל גנאי פאר זיי, ווייל סוף כל סוף האבן זיי אבער פארלוירן זייער זכות און שכר פון די מצות מילה, ווייל 'אונס רחמנא פטריה' העלפט נאר אנטקעגן דאס אז מען זאל נישט באקומען קיין 'עונש' פארן נישט טוהן די מצוה, אבער די אור און דעם זכות פון די מצוה, פארלירט מען נאך אלץ.

**און** דאס אלעס דארף אונז דינען אלס א גרויסע מוסר השכל, אז מען דארף זיך אויסלערנען פון די טמאי מתים, וואס זיי האבן מגביר געווען אין זייער זעהל א רצון און א תשוקה מקריב צו זיין די קרבן פסח אין די צייט, און זיי זענען נישט נתפעל געווארן פון זייער נידריגע איצטיגע מצב, אז זיי זענען פסול מקריב צו זיין די קרבן, און אז מיר ווילן זיך אויסלערנען פון זיי משתוקק צו זיין און מרבה צו זיין געגועים און כיסופין צו א יעדע דבר שבקדושה, וועט די באשעפער אויך פאר אונז אויסשטרעקן זיין האנט אונז מקבל צו זיין און אונז דערנענטערן צו איהם.

**» פארוואס וועט די באשעפער בודק זיין די אומות העולם דוקא מיט די מצוה פון סוכה**

**און** לויט דעם, קען מען פארשטיין די **גמרא** (עבו"ז ג.) וואס שילדערט אז לעתיד לבא וועלן די גוים זאגן פארן באשעפער אז ער זאל זיי געבן א מצוה וואס זיי זאלן מקיים זיין, און זיי זאלן אויף באקומען שכר, וועט זיי די באשעפער געבן א גרינגע מצוה פון סוכה, און וועט ארויסנעמען א גאר שטארקע זוהן וואס זאל באקן אויף זיי, און זיי וועלן ארויסלויפן פון די סוכה און עס צושטויסן, און דעמאלטס וועט די באשעפער לאכן פון זיי, אזוי ווי עס שטייט (תהלים ב, ד) "יושב בשמים ישחק", פרעגט די גמרא, די אידן זענען דאך אויך פטור פון סוכה ווען זיי זענען זיך 'מצטער', ענטפערט די גמרא, אז זיי זענען טאקע 'פטור' אבער זיי 'שטויסן' נישט די סוכה ווען זיי זענען זיך מצטער פון דעם.

**און** פשט פון דעם איז, אז די באשעפער ווייסט אז די גויים קענען אויך מקיים זיין א גרינגע מצוה, נאר די באשעפער וויל בודק זיין בעיקר **ווי שטארק האבן זיי 'ליעב' די מצוות**, דעריבער וועט ער זיי געבן דוקא אזא מצוה וואס איז דא ביי דעם א פטור פון 'מצטער', און וועט זיי בעל כרחך צוברענגען צו א מצב פון מצטער, און דעמאלטס וועט ער זעהן צו זיי זענען מקיים די מצוה אלס ליבשאפט צום אייבערשטן, צו עס איז זיי נאר אן עול, און אין די רגע וואס זיי זענען 'פטור' שטויסן זיי אינעם סוכה מיט פיינטשאפט.

**» 'למה נגרע' איז נישט קיין 'טענה', נאר א 'געשריי' פון טיפעניש פון הארצן**

**די חידושי הרי"ם זי"ע** (געברענגט אין בית ישראל אמור תשכ"ט) זאגט, אז די מענטשן וואס זענען געווען טמא האבן נישט געפרעגט 'למה נגרע', נאר זיי האבן געקלעמט און געשריגן פון טיפעניש פון הארץ 'למה נגרע', מיר ווייסן זייער גוט אז מיר זענען טמא, אבער מיט דעם אלעם ווילן מיר זיין צווישן אלע אידן וואס זענען מקריב דעם קרבן פסח, און אט דער השתוקקות האט געברענגט אז עס זאל ווערן כביכול א נייע תורה, וואס אזא זאך איז קיינמאל נישט געווען חוץ פון דעמאלטס, און אפילו ביי די בנות צלפחד זאגן חז"ל (ספרי במדבר קל"ד ד"ה ויאמר) אז די באשעפער האט געזאגט אז די פרשה איז שוין געשריבן ביי מיר פון פארדעם, משא"כ דא, איז באשאפן געווארן א נייע מצוה, דאס אלעס און זכות פון זייער געוואלדיגע תשוקה צו טוהן די מצוה.

**און** מיט דעם איז די '**אמרי אמת**' מסביר די אויבנדערמאנטע פשט פון תוס', אז די גנות פון די אידן איז געווען, אז זיי זענען נישט געווען גע'מל'ט, און וועגן דעם האבן זיי נישט געקענט מקריב זיין די קרבן פסח, וואס כאטש עס איז געווען א סכנה זיך צו מל'ן, אבער די גנות איז אז זיי זענען נישט צוגעקומען צו די דרגה און געשריגן 'למה נגרע' אז מיר קענען נישט מל'ן אונזערע קינדער...

> *"...מען דארף זיך אויסלערנען פון די טמאי מתים, וואס זיי האבן מגביר געווען אין זייער זעהל א רצון און א תשוקה מקריב צו זיין די קרבן פסח אין די צייט, און זיי זענען נישט נתפעל געווארן פון זייער נידריגע איצטיגע מצב, אז זיי זענען פסול מקריב צו זיין די קרבן..."*

**» פארוואס דארפן מיר זיכן דעם באשעפער, און די באשעפער איז זיך נישט ממציא צו אונז גלייך**

**ר' ירוחם זצ"ל** (אין זיין ספר **דעת תורה** פרשת בלק) פרעגט, עס שטייט אין פסוק (דה"י א, טז, ח) "דרשו ה' ועזו בקשו פניו תמיד", און לכאו' וואס איז דער ענין פון דעם 'דרישה', פארוואס דארפן מיר דורש זיין דעם באשעפער און די באשעפער איז זיך ניש ממציא צו אונז תיכף נאך פאר מיר זוכן איהם. אזוי אויך דארפן מען פארשטיין דאס זעלבע אויף דעם פסוק (תהלים קמה, יח) "קרוב ה' לכל קוראיו", און לכאו' פארוואס דארפן מיר רופן דעם באשעפער, די באשעפער ווייסט דאך זייער גוט וואס מיר דארפן, און עס איז נישט פארהוילן פון איהם קיין שום זאך.

**ענפערט** ער ווי פאלגענד: "על כרחך דארף מען זאגן, אז אזוי איז דער כלל, אז דער באשעפער גיבט נישט קיין שום זאך, נאר נאכדעם וואס דער מענטש בעט דאס פון איהם, און נאכדעם וואס דער מענטש האט זיך אליין געפלאגט עס צו באקומען."

"**אזוי** ווי עס שטייט אין **מדרש** ביי די לוחות (תנחומא עקב יא), "אז די לוחות וואס זענען געווען לאנג זעקס טפחים, זענען געלעגן צוויי טפחים אין די הענט פונם באשעפער, צוויי טפחים אין די הענט פון משה רבינו, און צוויי טפחים צווישן זיי, האט משה זיך געשטארקט אין ארויסגעכאפט די צוויי טפחים וואס איז געלעגן אין די הענט פונם באשעפער, קומט אויס אז די גאנצע איז יעצט געלעגן אין די הענט פון משה".

"**דאס** הייסט מען זאל זיך נישט איינרעדן אז די באשעפער האט געגעבן די תורה פאר משה רבינו במתנה אן קיין שום מעשה פון משה רבינו'ס זייט, דאס איז א גרויסע טעות, די אייבערשטער גיבט נישט קיין מתנה נאר אויב מען בעט דאס פון איהם, ווען נישט וואס משה רבינו האט עס ארויסגעכאפט, וואלט איהם דאס די באשעפער נישט געגעבן, די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן נאר נאך וואס מען האט עס געפאדערט, דאס זעלבע איז אויך לגבי פסח שני, ווען נישט וואס די טמא'נע מענטשן וואלטן געשריגן 'למה נגרע' וואלט נישט געווען אזא זאך בכלל ווי פסח שני, דאס איז וואס שטייט אין ספרי 'מגלגלים זכות על ידי זכאי', וואספארא זכות האבן זיי געהאט, דאס איז די זכות פון דאס פאדערן, קומט אויס, אז א מענטש וואס בעט א גוטע זאך, קען נישט זיין אז זיין בקשה זאל נישט נתקבל ווערן, אזוי ווי עס שטייט אין גמ' (מגילה ו:) אויב א מענטש וועט דיר זאגן 'יגעתי ולא מצאתי, אל תאמין'".

**לויט** דעם פארשטייט מען שוין, אז פשט פון די אויבענדערמאנטע 'ספרי' איז, אז נישט אז מען האט געזוכט עפעס א 'זכאי' מגלגל צו זיין דורך איהם די זכות פון זאגן די פרשה, נאר אז די איינציגסטע זכאי צו איבערגעבן די פרשה פאר כלל ישראל, זענען געווען די טמאי נפש, וואס נאר דורך זייער אינערליכע געשריי איז בכלל אראפגעקומען די פרשה אויף דער וועלט.